# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of the Shluchim Office

## ט"ז אדר א' תשס"ה

## פרשת כי תשא

טייערע קינדער שלוחים,

א גוטן ערב שבת.

דער חולה פון לובלין האט איבערגעלאזט זיין זייגער צו זיינע חסידים נאכדעם ווי ער איז נסתלק געווארן. דעם זייגער איז אנגעקומען אין די הענט פון א איד וואס האט געהאט אן קרעטשמע ווען א גאסט איז געשלאפן ביי אים, האט ער געפרעגט דער בעל הבית פארוואס ער פילט אזוי פיל שמחה אין צימער וואו ער שלאפט.

האט דער מענטש געענטפערט, אז ער איז זיכער אז דער שמחה קומט פון דעם זייגער פון דער חולה וואס ליגט אין צימער. "אהא," האט דער גאסט געזאגט, "יעצט פארשטיי איך! אנדערע זייגערס באווייזן א מענטש וויפל ער איז נענטער צום סוף פון זיין לעבן. אבער דעם זייגער פון דעם חולה באווייזט וויפל מען איז נענטער צו דער גאולה!!"

קינדער, זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן טאקע פילן אז יעדער מינוט גייען מיר נענטער צו גאולה!!

איידלה וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת ויקרא

איסור גזילה

**והשיב את הגזילה אשר גזל** - דאס איז די מצוה אז מען דארף אומקערן א גע'גזל'טע זאך.

דער רמב"ם שרייבט אז די דינים פון תורה זיינען געגעבן געווארן כדי מען זאל פון זיי אפלערנען ווי צו דינען דעם אויבערשטן. און דערפון איז פארשטאנדיק, אז אין צוגאב צו דער פשוט'ער אינהאלט פון דער מצוה, אז מען דארף אומקערן א "גזילה", איז אויך פאראן אן אפלערנונג פון דער מצוה פאר יעדער אידן, פון קליין ביז גרויס.

די הוראה פון דער מצוה, ספעציעל פאר קינדער פון "צבאות השם":

א איד דארף וויסן, אז יעדע זאך אין וועלט, ווייבאלד עס איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן אליין - "**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**" - איז זיכער אז עס איז פאראן אין זיי טוב און קדושה.

און דעריבער, בשעת מען זעט אין וועלט א ניט גוטע זאך, איז דאס אן ענין פון גזילה! דער יצר האט צוגע'גזל'ט א זאך פון רשות הקדושה!

צום ביישפיל:

ווען דער "יצר" רעדט איין א קינד צו פארפעלן חס ושלום צו

*(המשך)*

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

מאכן א ברכה אדער ענטפערן "אמן" - גזל'ט ער דערמיט א זאך פון רשות הקדושה. און אפילו אויב דער יצר האלט אפ א אידן פון צו פארשפרייטן אידישקייט פאר איין רגע - גזל'ט ער דערמיט דעם רגע וואס מען וואלט געקענט אויסנוצן פאר הייליקע זאכן.

נאך א נקודה אין דעם:

עס איז באוואוסט דער אונטערשייד צווישן "גניבה" און "גזילה", אז גניבה מיינט ווען מען נעמט צו א זאך פון א צווייטן באהאלטענערהייט אז די בעלים זעען ניט די גניבה, דאקעגן גזילה מיינט אז מען נעמט צו די זאך אפענערהייט מיט דער ידיעה פון די בעלים.

און דא איז מען מדגיש גזילה דוקא. וויל ווען מען רעדט וועגן דעם אויבערשטן, וואס "**ה' נצב עליו ומלא כל הארץ כבודו**" - איז דאך ניט שייך דער גאנצער ענין פון "גניבה", מערניט ווי גזילה.

און דאס איז די שליחות פון "**צבאות השם**" - ניט נאר מלחמה האלטן מיט דעם "יצר" און אים מנצח זיין און מבטל זיין אינגאנצן, נאר נאך מער, אז אפילו די זאכן וועלכע זיינען שוין צוגע'גזל'ט געווארן דורך דעם יצר, זאל מען זיי אומקערן צו רשות הקדושה.

און זיכער אז דער אויבערשטער גיט יעדער איינער די נויטיקע כחות אויף דעם, און נאך מער: ס'איז "**קרוב אליך הדבר מאד**": מען דארף נאר מחליט זיין מיט דער ריכטיקער שטארקייט, און מיט א יגיעה - האט מען די הבטחה אז "**יגעתי ומצאתי**", אז מ'וועט מצליח זיין צו ממלא זיין די שליחות צו אומקערן אלע די זאכן פון וועלט צו רשות הקדושה.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער - שיחת אור לה' דחנוכה תשמ"ו)*



## משיח נאו!

*"חי' האט געלערנט חת"ת אין דעם צימער."*

*"שלום האט געדאווענט לעבן דעם וואנט."*

*"אלי' האט געהאלפן א פריינט אין דעם שטוב"*

עס שטייט "אבן מקיר תזעק." אין צייט פון גאולה וועלן די ווענט רעדן. די ווענט וועלן דערציילן וועגן די מצוות וואס אידן האבן געטאן אין יענע צימער. דעריבער קינדערלאך, טו מצוות, ווייל מיר ווילן הערן וועגן דעם!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office

816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה



# דערציילט מיר א מעשה

אין תשל"ו האט דער רבי אנגעהויבן א נייע מבצע. מבצע נש"ק - אז פרויען און מיידלאך זאלן אנצינדן שבת ליכט. בכדי דאס שטארקן, האט מען געמאכט אנאסן (אדווערטייסמענטס) אויפן ראדיא וועגן מבצע נש"ק. מען האט געזאגט אז אויב איינער וויל שבת ליכט זאלן זיי ארײנשיקן א דאלער מיט א בריוו פון איר נאמען און אדרעס צו דער אפיס פון נשי חב"ד. געוויסע מענטשן האבן געמאכט א טעות און געשיקט זייער בריוו און דאלער גלייך צום אפיס פון רבי'ן.

איינמאל האט דער רבי באקומען א בריוו פון א מאן אין מערילאנד. דער מאן האט געבעטן פאר שבת ליכט פאר זיין טאכטער. דעם בריוו איז אנגעקומען אויף פרייטאג און דער רבי האט גלייך גערופען מרת שטערנבערג און האט איר געבעטן זיכער מאכן אז די מיידל צינדט אן שבת ליכט ***יענע פרייטאג פארנאכט***!

עס איז נאר געווען צוואנציג מינוט פאר שבת!! מרת שטערנבערג האט גלייך גערופען א שליח אין מערילאנד און האט אים געבעטן ברענגען שבת ליכט צו דער מיידל. דער שליח האט געענטפערט אז ער וואלט זייער געוואלט העלפן, אבער דער פלאץ איז מער ווי צוויי שעה פון וואו ער לעבט, און עס איז אוממעגליך פאר אים אנצוקומען פאר שבת.

אן קיין ברירא, האט מרת שטערנבערג געפונען דער טעלעפאן נומער פון די מיידל. דער מאמע האט געענטפערט דעם טעלעפאן. "יע, מיין מאן האט געבעטן שבת ליכט. איך צינד ניט אן שבת ליכט, אבער איך מיין אז עס איז א גוטע זאך אז מיין טאכטער זאל אנצינדען."

מרת שטערנבערג האט איר ערקלערט אז זי וועט שיקן לייכטער פאר נעקסטע שבת, אבער אויף דעם וואך וועט זי זיי ערקלערן וויאזוי צו מאכן לייכטער פון "סילווער פויל" אז איר טאכטער זאל קענען אנצינדן דעם שבת.

דער פרוי האט גלייך מסכים געווען און האט געזאגט אז זי וועט אויך אנצינדן שבת ליכט. זי האט צוגעהערט צו מרת שטערנבערג און אראפגעשריבן די ברכה וואס זי דארף זאגן.

דערנאך האט מרת שטערנבערג געפרעגט "האט דיין טאכטער אפשר פריינט וואס ווילן אויך אנצינדן שבת ליכט."

"יע, מיין טאכטער האט פריינט אין תלמוד תורה און זיי וואלטן מסתמא געוואלט אויך אנצינדען, און איך האב אויך פריינט וואס וואלטן אויך געווען צופרידן צו באקומען שבת ליכט..."

ווען מרת שטערנבערג האט געענדיקט פאקן די ליכט דעם נעקסטן וואך האט זי געפאקט 40 לייכטער !!

דעם נעקצטן פרייטאג, האט דער רבי,ס סעקרעטאר אנגעקלונגען צו מרת שטערנבערג. "דער רבי וויל וויסן וואס טוט זיך מיט דער מיידל פון מערילאנד?"

מרת שטערנבערג האט נאכאמאל גערופען דער פרוי. דער פרוי איז געווען אזוי צופרידן הערן פון איר.

"א גרויסע דאנק מרת שטערנבערג," האט זי געזאגט. "מיין טאכטער האט אנגעצונדען שבת ליכט, און אלע מיינע פריינט האבן באקומען דעם לייכטער. מען רעדט וועגן דעם אין די גאסן!! קענסטו אפשר שיקן מער...?" האט זי געפרעגט מרת שתערנבערג.

דעם קומענדיקע וואך האט מרת שטערנבערג געשיקט נאך א גרעסערע פעקל פון לייכטער.

דער נעקסטע פרייטאג האט מרת שטערנבערג נאכאמאל גערופען דעם פרוי. "ווי קען איך דיר דאנקן?" האט דער פרוי געזאגט, "דו ווייסט ניט וואס דו האסט אויפגעטאן דא מיט די שבת ליכט. און יעצט האבן מיר א געבעט פאר דיר, מיר ווילן זיך טרעפן מיט די פרויען וואס האבן געברענגט דעם ליכטיקייט פון שבת אין אונזערע הייזער!"

ווען מרת שטערנבערג האט דאס געהערט, האט זי געמאכט א שבתון אין מערילאנד. פרויען פון קראן הייטס זיינען געגאנגען צו מערילאנד און האבן "געברענגט שבת" צו די פרויען פון שטאט!!

*אמאל קען איין מעשה, אנגעהויבן דורך דער רבי טאקע איבערקערן א גאנצע שטאט!!*



# דעם חסידישן לוח

## פרשת זכור

*"זלמן, קום יעצט, איך גיי יעצט אין שוהל."*
*"אוי!! מוז איך גיין יעצט? איך וועל גיין שפעטער..."*
*"חי'לע קענסטו געבן אסתי עסן?"*
*"פארוואס מוז איך אלעמאל זיין דער וואס טוט אלץ?"*

קינדער, די סארט ענטפערס זיינען פון עמלק. עמלק ברענגט א קאלטקייט אין אונזער עבודת ה'. עמלק נעמט ארויס דעם חשק וואס א איד האט צו תורה ומצוות. א איד מוז שטארק קעמפן אנטקעגן דעם. א איד מוז זיין אנגעפילט מיט לעבעדיקייט און ווארעמקייט צו תורה ומצוות.

די וואך לייענט מען פרשת זכור. דאס איז די צווייטע פון די פיר ספעציעלע פרשיות וואס מען לייענט אין די צייט. (דער ערשטע פרשה איז געווען פרשת שקלים, וואס מיר האבן געלייענט לעצטע וואך – ראש חודש אדר ב'.)

דער מדרש תנחומא שרייבט א משל וועגן עמלק. דער משל איז וועגן א באד וואס איז געווען זייער היים. אלע מענטשן האבן געווארט און האבן מורא געהאט ארײנצוגיין. ביז איינער האט ארײנגעטאנצט אין באד. ער איז טאקע געווארן פארברענט, אבער די וואסער איז יעצט גענוג אפגעקילט געווארן פאר אנדערע ארײנצוגיין.

ווען די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, און דער אויבערשטער האט געשפאלטן פאר זיי דעם ים סוף און פארטרונקען די מצריים, האבן אלע גויים מורא געהאט פון די אידן. ביז עמלק איז געקומען און ער האט מלחמה געהאלטן מיט די אידן.

עמלק האט טאקע פארלוירן די מלחמה, אבער זיי האבן שוין אפגעקילט די גרויסקייט פון די אידן אין די אויגן פון דער וועלט.

חסידות זאגט אז מיר דארפן יעצט טאן דער מצוה פון מחיית עמלק, אינגאנצן אויסמעקן עמלק, אין א רוחניות'דיקע וועג. מען מוז אויסמעקן די קאלטקייט וואס עמלק ברענגט אין א איד'ס תורה ומצוות.

*"זלמן, קום יעצט, איך גיי יעצט אין שוהל."*
*"זיכער, איך קום גלייך!"*
*"חי'לע קענסטו געבן אסתי עסן?"*
*"מאמע, איך בין שוין אויפן וועג!"*

די סארט ענטפערס זיינען ענטפערס פון א חסיד'ישן סאלדאט!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, י"ב אדר ב', און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת ויקרא

**1. וואס איז די חילוק צווישן גניבה און גזילה?**_________________________

_____________________________________________________________

**2. וועלכע סארט זאך טוט דער יצה"ר?**_____________________________

**3. וואס דארפן אידן טאן?**___________________________________

**4. וואס איז די שלעכטע מדה פון עמלק?**____________________________

**5. וואס האט עמלק געטאן?**__________________________________

**6. ווען?**____________________________________________________________

**7. וואס איז דעם עמלק יעצט?**_________________________________

**8. וואס דארף א איד טאן אנטקעגן דעם?**____________________________

**9. וואס וועט א וואנט טאן אין צייט פון גאולה?**________________________

**10. וואס זאל מען טאן צוליב דעם?**______________________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת פקודי: <u>מנחם מענדל סוראק</u>, 7**

**נאמען:** ___________________________ **ווי אלט:** ____

**אדרעס:**__________________________________________

**אי-מייעל :**_____________________________________

# הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org